ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ רי"ד ◇
יתרו תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'

ב' כח) עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' משה צבי ראטה ע"ה

### ניצול געווארן פון גוי'אישע הענט

איר טאטע הרה"ח ר' אשר חיים ראטה ע"ה איז געווען א גרויסער חסיד פון **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע**. ער איז געווען א מענעדזשער אין איינע פון די גרויסע בענק אין אונגארן. און אזוי ווי מ'טוט אפט אין גרעסערע ביזנעסער, באהאלט מען פון די רעגירונג פארשידענע הכנסות כדי זיך צו קענען שפארן פון צו צאלן שטייערן.

איין טאג איז געווען א שטרענגע אונטערזיכונג פון די רעגירונג וואס זענען געקומען איבערקוקן די ביכער און די חשבונות פון די באנק, און זיי האבן געטראפן דעם שווינדל. ווען זיי האבן אפיר גענומען דעם גוי'אישן באנקיר און אים אויסגעפארשט, האט ער געזאגט אז ער איז נישט צופיל פארמישט אין די אינערליכע ענינים אין די באנק, נאר דער אידישער מענעדזשער 'ראטה באטשי' איז אחראי אויף אלעם. און זיי האבן געשיקט פארן זיידן א איינלאדענונג צו קומען צום געריכט.

דער זיידע איז געווארן דערשראקן, וואוסנדיג אז פאר אזא עבירה קען ער גיין אין טורמע פאר צוועלף יאר ה"י, איז ער געפארן קיין קערעסטיר זיך מזכיר זיין ביי רבי ישעי'לע.

די באבע דערציילט: "איך געדענק נאך ווען דער טאטע איז אהיים געקומען פון קערעסטיר, און מיר האבן איהם געפרעגט וואס דער רבי האט געזאגט, האט ער געענטפערט "דער רבי האט אנגעוואונטשן אז איך זאל ניצול ווערן פון גוי'אישע הענט".

א קורצע צייט דערויף האט מען געטראפן דעם גוי'אישן באנקיר ווי ער האט זיך אליינס געהאנגען ל"ע פון גרויס שרעק אז מ'וועט געוואויר ווערן דעם אמת, און דאס געריכט האט פארשטאנען פון דעם אז דער זיידע איז אומשולדיג, און זיי האבן אים באפרייט. (געציל הערש הערשקאוויטש)

ב' כט) עס דערציילט מיין זיידע
## הגה"צ רבי אברהם עקשטיין שליט"א אב"ד בונאס איירעס

### ער האט געהאלטן ווארט

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' מאיר שניצלער הי"ו וועלכער האט זוכה געווען צו זיין משב"ק ביי כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, אז איינמאל ווען ער איז געווען ביים רבי'ן האט מיין טאטע דער **בונאס איירעסער רב זצ"ל** אריינגערופן מזכיר זיין א איד אין ארגענטינא וואס האט ל"ע נישט קיין קינדער, און ער האט געבעטן א ברכה, ווען ער האט אים געפרעגט צי ער איז א שומר שבת, האט ער געזאגט אז ניין, ער האלט נישט קיין שבת. האט אים דער זיידע מבטיח געווען אז אויב וועט ער האלטן שבת וועט ער געהאלפן ווערן מיט א בן זכר. און ער האט געבעטן ר' מאיר זאל מזכיר זיין דעם איד ביים רבי'ן.

ווען דער רבי האט געהערט די בקשה האט ער זיך אנגערופן "אז ער האט צוגעזאגט זאל ער האלטן ווארט"...

ווען דער זיידע האט דאס געהערט האט ער געזאגט "דאס איז מיר גענוג, איך דארף נישט מער".

עטליכע יאר שפעטער וואס דער בונאס איירעסער רב איז דא געווען, און ר' מאיר האט אים באגעגנט האט ער אים געפרעגט וואס עס טוט זיך מיט יענעם איד, האט ער אים געענטפערט "ער האט שוין געהאט דאס צווייטע קינד"...

(יחזקאל שרגא עקשטיין)

ב' ל) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל שרגא פריעדמאן הי"ו

### א טעם גן עדן

ווי באקאנט פלעגט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגן תהילים יעדן אינדערפרי ביי זיך אין צימער מיט א געוואלדיגע מתיקות און השתפכות הנפש.

ווען ער איז געווען אין די זומער חדשים אין שעראן-ספרינגס האט זיך דער רבי געשטעלט זאגן תהילים ביים אפענעם פענסטער. אבער אויב דער רבי האט באמערקט אז איינער שטייט אויף די גאס און זעהט אים האט ער פארמאכט די פענסטער, ווייל ער האט געוואלט דינען דעם אייבערשטן בהצנע לכת.

ווען מיין טאטע הרה"ח ר' יושע ז"ל איז געווען אין שעראן-ספרינגס האט ער געהאט א שטארקע השתוקקות צו קענען הערן דעם רבי'נס תהילים זאגן, האט ער זיך אראפגעלייגט אויף דער ערד אונטער די פענסטער, אזוי אז דער רבי האט אים נישט געקענט באמערקט, און ער האט אזוי געהערט די גאנצע תהילים זאגן פונעם רבי'ן.

"איך האב געשפירט א טעם גן עדן" האט ער זיך נאכדעם אויסגעדריקט.

(יואל נתן פריעדמאן, משה ארי' פריעדמאן, יושע פריעדמאן, יושע לאנדא, יעקב משה פריעדמאן).

ב"א לא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אהרן הערש בערקאוויטש הי"ו

### ברכת צדיק לא ישוב ריקם

דער הייליגער זיידע מרן הגה"ק בעל בית היוצר זי"ע מחוסט איז געווען מקושר צום הייליגן **דברי חיים זי"ע** אויף א געוואלדיגן אופן.

עס האט דערציילט מיין עלטער-פעטער **הגה"צ רבי ישראל אפרים פישל ראטה זצ"ל אב"ד ווייטישקא** (די יארצייט איז ח' שבט) אז דער זיידע איז אמאל געווען ביי א מסיבת סיום מסכת, ווי עס איז אויך געווען דער נאדיפאליער רב זצ"ל. צווישן די מסובין איז געווען א איד וואס האט זיך אויסגערעדט אז ער האט באקומען א ברכה פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע אז ער וועט נפקד ווערן מיט זש"ק, און דער הייליגער דברי חיים איז שוין לאנג נסתלק געווארן, און ליידער איז די ברכה נישט מקוים געווארן און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער.

ווען דער זיידע ז"ל האט דאס געהערט האט ער אויפגעקאכט פארן כבוד פון זיין הייליגן רבי'ן, ער האט אויפגעהויבן די גמרא און געזאגט בנקיטת חפצא "אויב איז אמת אז דער הייליגער רבי דער דברי חיים האט צוגעזאגט זרע של קיימא שווער איך בקדושת הגמרא אז נאך דעם יאר וועסטו געהאלפן ווערן מיט קינדער".

איבריג צו זאגן אז די ברכה איז מקוים געווארן, און נאך אין יענעם יאר האט דער איד זוכה געווען צו א קינד למז"ט. (אליעזר טויב, משה בערקאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, מרדכי שווארץ, ישראל דוב הערצבערג, אברהם אלי' פרידריך)

ב' לב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל צבי מענדלאוויטש הי"ו

### ויחזו את אלקים ויאכלו וישתו?

עס האט מיר דערציילט הרה"ג ר' שמואל אהרן צין שליט"א וואס ער האט געהערט פון **הגה"צ רבי מנחם זאב שטערן זצ"ל רב דגבעת שאול**, אז ביי איינע פון די באזוכן פון **מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** אין ארץ ישראל אין די י' יארן, איז דער גערער **רבי הבית ישראל זצ"ל** געקומען צום רבי'ן אויף א באזוך, און עס זענען מיטגעקומען א גרויסער עולם גערער חסידים וואס האבן געוואלט

מיטהאלטן דעם באזוך. און עס איז געווארן זייער ענג אין צימער, ביז עס איז געווען א מצב פון פיקו"נ ר"ל.

זעהנדיג דעם מצב האט זיך דער רבי אנגערופן "יעדער זאל ארויסגיין". און דער גבעת שאול'ער רב האט אויך געוואלט ארויסגיין, האט אים דער רבי געזאגט "אייך האב איך נישט געמיינט".

שפעטער האט דער רבי מכבד געווען דעם גערער רבי אז ער זאל מאכן א ברכה אויפן כיבוד וואס מ'האט צוגעגרייט, אבער דער גערער רבי האט נישט צוגעריהרט דערצו. און עס איז אזוי געווען עטליכע מאל, און דער גערער רבי האט נישט געוואלט מאכן א ברכה.

דערציילט דער גבעת שאול'ער רב אז ער איז געווען א תלמיד פונעם רבי'ן אינדערהיים, און ער האט זיך נאנט באקאנט געמאכט מיטן גערער רבי'ן, האט ער גענומען קוראזש און ער האט געפרעגט דעם גערער רבי'ן "דער סאטמארער רבי בעט אייך צו מאכן א ברכה, פארוואס מאכט איר נישט קיין ברכה?", האט זיך דער גערער רבי אויסגעדרייט צום רבי'ן און געוויזן מיט די פינגער "ויחזו את אלקים ויאכלו וישתו? ויחזו את אלקים ויאכלו וישתו?!"... ד.ה. אז מ'זיצט דא נעבן אזא איש אלקים קען מען דען עסן?!

דער גבעת שאול'ער רב האט שפעטער געזאגט אז מתחילה האט ער מורא געהאט זיך ארייינצומישן בסוד שיח, אבער צו הערן די תשובה האט עס זיך געלוינט... (שלום יוסף, חיים ישעי' אשר, אפרים פישל, מענדלאוויטש)

ב' לג) עס דערציילט אונזער ניידע

## הרה"ח ר' ליפא מערץ הי"ו

### תופס געווען מיין כוונה

מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם יצחק ז"ל האט געוואוינט אין סאטמאר און ער איז געווען פון די נאנטע מענטשן ביי **רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל**.

איינמאל דאנערשטאג נאכט איז ער אריבער צום רבי'ן רעדן איבער א ענין, און דער רבי האט געהאלטן אינמיטן פארהערן די בחורים. און א בחור האט אים געזאגט אז דער רבי האט נאכנישט געדאווענט קיין מנחה. (דער רבי פלעגט דאווענען מנחה זייער שפעט, ממש די לעצטע מינוטן וואס מ'האט נאך געקענט דאווענען). מיין טאטע האט שוין געהאט געדאווענט מעריב אין די שטאטישע שוהל, וואס פלעגן דאווענען ביים ערשטן זמן, און ער האט מורא געהאט אז דער רבי וועט פארגעסן און פארשפעטיגן מנחה, האט ער געוואלט מעורר זיין דעם רבי'ן אז עס איז שפעט.

ווי נאר ער הייבט אן צוגיין נאנט צום רבי'ן און דער רבי האט אים באמערקט, נעמט דער רבי ארויס דעם זייגער און ער קוקט דערויף, ער פארהערט נאך צוויי בחורים און ער האט זיך באלד געשטעלט מנחה. מ'האט קלאר געזעהן ווי דער רבי האט תופס געווען זיין מחשבה. (שמעון מערץ, ישראל זאב מערץ, יואל זוסמאן גאלדבערגער, יוסף גאלדבערגער)

ב"א לד) עס דערציילט אונזער ניידע

## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

### דער שטיין האט געהאלפן

איך האב געהערט פון מיין שווער הרה"ח ר' אהרן הכהן **פאללאק** ז"ל **סופר סת"ם** אז איינמאל איז זיין שוועסטער א קליין מיידל ל"ע זייער נישט געזונט געווארן, און מ'האט נישט געקענט טרעפן פאר איר קיין רפואה. איז מען געפארן מזכיר זיין ביי **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע**.

רבי ישעי'לע האט געליינט דאס קוויטל און ער האט געהייסן אז מ'זאל קויפן א שטיין מיטן נאמען 'רובינשטיין', און מ'זאל דאס אויפהענגען אויפן האלז פון דאס קינד, און עס וועט העלפן. און אויב דאס שטיין וועט זיך פארלירן קען מען קויפן א צווייטע, און עס וועט העלפן.

מ'האט אזוי געטון, מ'האט געקויפט אזא שטיין און ארייינגעלייגט אין א קליין בייטל און אויפגעהאנגען אויפן האלז פון דאס קינד, און זי איז געזונט געווארן.

מיט יארן שפעטער ווען רבי ישעי'לע האט שוין נישט געלעבט, איז זי ל"ע נישט געזונט געווארן, האט מען געזעהן אז דאס בייטל איז געווארן לעכעריג און דאס שטיינדל איז ארויסגעפאלן, איז מען געגאנגען קויפן א נייע שטיין, און מ'האט דאס צוריק אויפגעהאנגען, און זי האט געהאט א רפואה שלימה. (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן, יעקב קרויס)

ב"א לה) עס דערציילט אונזער ניידע

## הרה"ח ר' פנחס ישעי' קארנבלי הי"ו

### פארדעכטיגט אין די נדבה...

עס איז געווען אין די צייטן נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען די קאמוניסטן האבן באהערשט אונגארן, און די אידן וואס האבן זיך נישט באצייטנס ארויס געראטעוועט פון דארט האבן זייער אסאך מיטגעמאכט, ביז ווען עס איז געווען די אונגארישע רעוואלוציע בשנת תשי"ז ווען טויזענטער אידן האבן מצליח געווען צו אנטלויפן און מאכן פליטה פון דארט קיין עסטרייך, פון וואו זיי זענען זענען ווייטער געפארן איבער די וועלט.

אין יענע צייט זענען אנגעקומען קיין קוממיות אכט חסיד'ישע משפחות פון אונגארן, צווישן זיי איז געווען הרה"ח ר' ישראל פייערשטיין ז"ל, וועלכער איז געווען א מלמד, און שפעטער איז ער געווען א שוחט.

ווען עס איז צו איהם דארט געבוירן געווארן א קינד למז"ט האט ער געמאכט א שלום זכר אינעם ישוב, און איך בין געגאנגען צו אים אין שטוב אפגעבן מזל טוב. זייענדיג דארט האב איך באמערקט דאס פיצל קינד ליגט אין א גרויסן רונדעכיגן שיסל וואס איז באשטימט צו וואשן דערין וועש. עס האט מיר געכאפט א פחד צו זעהן אין וואס פארא עניות די משפחה לעבט אז מ'קען נישט קויפן א בעטל פאר דאס קינד.

אין יענע צייט פלעגט יעדן טאג ארויספארן פון קוממיות א באס קיין תל-אביב, כדי איינצוקויפן אלע וויכטיגע זאכן וואס מ'האט געדארפט האבן צום לעבן. באלד נאך שבת האב איך געגעבן פופציג פונט פארן דרייווער ר' משה שמואל ע"ה, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל קויפן דעם שענסטן און טייערסטן קינדער-בעטל. און איך האב אים געזאגט אז כחצות הלילה זאל ער דאס אוועק שטעלן ביים הויז פון ר' ישראל, און קיין נברא זאל נישט וויסן פון וואו דאס קומט. וכך הוה.

אין איינע פון די טעג קומט צו צו מיר ר' ישראל און ער זאגט מיר "ישעי', איך מיין אז דאס בעטל איז דיין ארבעט". איך האב זיך געמאכט ווי איך ווייס נישט פון וואס ער רעדט, איך בין געווען זייער צופרידן אז איך האב געקענט מהנה זיין אזא געהויבענעם איד אויף א אופן פון מתן בסתר. (יעקב קארנבלי, חיים קארנבלי, יוסף קארנבלי)

ב' לו) עס דערציילט אונזער ניידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

### מער שאדן געמאכט ווי אויפגעטון

**רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען זייער ברוגז קעגן די ליובאוויטשער קרייז וואס האבן זיך גענומען א נייעם וועג פון קירוב רחוקים, און מיט דעם פורץ געווען אין מערערע שטארקע יסודות פון כלל ישראל מאז ומקדם.

ווען עמיצער האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן אין א שמועס אז יענע קרייז טוט אויף אסאך פאר אידישקייט, האט דער רבי געזאגט א משל צו א געשעפט וואס האט געהאט אסאך קאסטומערס עס זענען אלס געקומען און געגאנגען מענטשן, און מ'האט געמיינט אז עס איז שטארק מצליח געווען. אבער ווען דער בעה"ב האט זיך אראפגעזעצט מיט זיין אקאנטענט און געמאכט א גענויען חשבון פון אלע הוצאות און הכנסות האט מען זיך געכאפט אז דער געשעפט ברענגט גארנישט קיין רווחים נאר אדרבא עס האלט ביי באנקראט.

"דאס זעלבע איז מיט זיי, אז מ'זאל צונעמען אויף קליין געלט אלע זייערע פעולות וואס זיי טוען פאר כלל ישראל, וועט מען זעהן אז זיי האבן מער שאדן געברענגט ווי ריווח, מער פארדארבן ווי אויפגעטון".

איך האב געהערט פון א איד פון פלעטבוש וואס איז דערביי געווען ווען דער רבי איז געווען ביי א ברית אין פלעטבוש וואו ער איז נתכבד געווארן מיט סנדקאות, נאכן ברית האט דער רבי געשמועסט מיט די מתפללים איבער דעם מצב פון אידישקייט אין די געגענט, האבן זיי געענטפערט אז דער מצב איז שוואך, נאר לעצטענס האבן זיך דא ארייינגעצויגן ליבאוויטשער חסידים, און זיי פארשטארקערן אידישקייט.

האט דער רבי א זאג געטון "אין א טאג וועט ער נאך מסית ומדיח זיין אלפים ורבבות"... (שמעי' ברוך גאלד, ירמי' מאיר גאלד)